# פאציענטן׳ס ביל פון רעכטן

**אלץ א פאציענט אין א שפיטאל אין די סטעיט אוו ניו יארק, האט איר די רעכט, אין איינקלאנג מיט׳ן געזעץ:**

צו פארשטיין און צו נוצן די רעכטן. אויב צוליב סיי וועלכע אורזאך, פארשטייט איר נישט אדער איר דארפט האבן הילף, איז דער שפיטאל פארפליכטעט אייך צו צו-שטעלן הילף, אריינגערעכנט א דאלמעטשער.

צו באקומען באהאנדלונג אן דיסקרימינאציע וואס אנבאלאנגט ראסע, קאליר, רעליגיע, געשלעכט, נאציאנאלן אפשטאם, דיסאביליטי, געשלכטעליכע אריענטירונג, מקור פון באצאלונג, אדער עלטער.

צו באקומען איינזעעדיגע און רעספעקטפולע באהאנדלונג אין א זויבערע און זיכערע אטמאספערע, פריי פון אומנייטיגע צוימונגען.

צו באקומען עמוירזשענסי באהאנדלונג, טאמער איר דארפט עס.

צו זיין אינפארמירט פון די נעמען און פאזיציעס פון דעם דאקטאר וועלכע וועט זיין באאויפטראגט איבער אייער באהאנדלונג אין דעם שפיטאל.

צו וואוסן די נעמען, פאזיציעס, און פונקציעס פון סיי וועלכן שפיטאל שטאב וואס פארנעמט זיך מיט אייער באהאנדלונג, און זיך אפזאגן פון זייער באהאנדלונג, אונטערזוכונג אדער אבזערווירונג.

צו א צימער ווי מען טרא נישט רייכערן.

צו באקומען פולקאמע אינפארמאציע איבער אייער דיאגנאז, באהאנדלונג און פראגנאז.

צו באקומען אלע אינפארמאציע וואס איר דארפט האבן כדי צו געבן אייער אינפארמירטע צושטימונג פאר סיי וועלכע פארגעשלאגענע פראצעדורן אדער באהאנדלונגען. די אינפארמאציע דארף אריינרעכענען די מעגליכע ריזיקעס און בענעפיטן פונעם פראצעדור אדער באהאנדלונג.

צו באקומען אלע אינפארמאציע וואס איר דארפט צו קענען געבן אינפארמאציע צושטימונג פאר א באפעל צו נישט אויפ-צו-לעבן. איר האט אויך די רעכט צו באשטימען  א מענטש וואס זאל געבן די צושטימונג אנשטאט אייך אין פאל איר זענט צו קראנק דאס צו טאן. אויב איר וואלט געגליכן מער אינפארמאציע, ביטע פארלאנגט א קאפיע פונעם פאנפלעט "באשליסן איבער העלטה קעיר - א וועג-ווייזער פאר פאציענטן און פאמיליעס".

אפצוזאגן באהאנדלונג און צו ווערן אינפארמירט וואסערע ווירקונג דאס קען האבן אויף אייער געזונט.

זיך אפצוזאגן פון אנטיילנעמען אין פארשונגען. ביים באשליסן צי איר זאלט יא אדער נישט אנטיילנעמען, האט איר דאס רעכט צו א פולקאמע אויפקלערונג.

פריוואטקייט בשעת איר זענט אין שפיטאל און געהיימעניס פון אלע אינפארמאציע און דאקומענטן וואס אבאלאנגט אייער באהאנדלונג.

אנטיילצונעמען אין אלע באשלוסן איבער אייער באהאנדלונג און איבער דאס ווערן באפרייט פון שפיטאל. דער שפיטאל מוז אייך צושטעלן א געשריבענער באפרייאונגס פלאן און א געשריבענע ערקלערונג ווי אזוי איר קענט אפעלירן די באפרייאונג.

איבערקוקן אייערע מעדעצינישע דאקומענטן אן צו באצאלן דערפאר. צו באקומען א קאפיע פון אייערע מעדעצינישע דאקומענטן, פאר וועלכן דער שפיטאל קען רעכענען א מעסיגע פרייז. מען קען אייך נישט אפזאגן קיין קאפיע בלויז דערפאר וואס איר קענט זיך נישט ערלויבן צו באצאלן.

צו באקומען אן דעטאלירטע ביל און ערקלערונג פאר אלע קאסטן.

זיך צו באקלאגן אן שרעק אז מען וועט אין אייך נקמה נעמען, איבער די באהאנדלונג און די סערוויס וועלכע איר באקומט, און צו באקומען אן ענטפער פונעם שפיטאל, און אויב איר פארלאנגט דאס, א געשריבענעם ענטפער. אויב איר זענט נישט צופרידן פון דעם שפיטאל׳ס ענטפער, קענט איר אריינגעבן א קלאגע צו די ניו יארק סטעיט העלטה דעפארטמענט. דער שפיטאל מוז אייך צושטעלן דעם טעלעפאן נומער פון די סטעיט העלטה דעפארטמענט.

צו אויטאריזירן אזעלכע פאמיליע מיטגלידער און אנדערע דערוואקסענע, וואס זאלן באקומען פארצוג צו קומען באזוכן, לויט איר קענט דערהייבן צו אויפנעמען באזוכער.

צעוואוסן צו טאן אייערע וואונטשן וואס אנבאלאנגט אנאטאמישע (איברים) געשאנקען. איר קענט דאקומענטירן אייערע וואונטשן אין אייער ״העלטה קעיר פראקסי״, אדער אויפן ספאנסער-קארטל, וועלכע איז פאראן צו באקומען פון דעם שפיטאל.

Public Health Law(PHL)2803 (1)(g)Patient’s Rights, 10NYCRR, 405.7,405.7(a)(1),405.7(c)